חוברת כג

ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

## כתובים בידי הרבנית הצדקנית
## מרת **חנה** ע״ה ז״ל

אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל
## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת
## אדמו״ר מנחם מענדל
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

הוצאת ספרים קה״ת — קרני הוד תורה — ליובאוויטש

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

# Reshimas Zichronos

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 23

Published and Copyrighted © 2012
by
**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 נדפס בדפוס:

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת כ"ג של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

## מערכת „אוצר החסידים"

ח"י אדר, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

## יעדער זאַך באַזונדער איז געווען אַ גאַנצע זאַך

עסן האָט ער שוין ניט אַלץ געקענט. ער האָט זייער געוואָלט ווערן געזונט, ער וואָלט געקענט לעבן לפי־רוחו, און האָט געזען אַז אַ סך מענטשן ווילן ער זאָל ווערן געזונט, און זאָגן אַז ער פעלט זיי און זיי נויטיקן זיך אין זיין השפעה. צוליב דעם אַלעמען, האָט ער זיך געצוואונגען אויף טאָן אַלץ וואָס קען אפשר ברענגען אַ רפואה.

מען האָט אים געהייסן עסן יויך פון עוף, דאָס איז דאָרט געווען אַ גאַנצער פּראָבּלעמא: דער קויפן די עוף, דער שוחט, און דערנאָך דער קאָכן. יעדער זאַך באַזונדער איז געווען אַ גאַנצע זאַך.

האָט דער ה. ראַבינאָווו[98] צוגעשטעלט שוין פּאַרטיקערהייט. פון אים צו אונז, האָט מען געדאַרפט דורכגיין אַ בּריקל מיט אַ בּאַרג, האָט ער ניט פאַרפעלט איין טאָג ער זאָל ניט קיין צוויי און אַמאָל דריי מאָל, אַוועקגיין איינס־צוויי אַ זייגער ביינאַכט.

ווען ער פלעגט ברענגען די עוף, האָט מען דאָס געדאַרפט אָנוואַרעמען, און גאַנץ אָפט איז ניט געווען קיין שוועבעלעך מיט וואָס אָנצינדן די פליטקא[339] וואָס איז געשטאַנען אויף דעם הויף.

— דאָס איז געווען ניט נאָר ביי אונז אַזוי[340]. דעמאָלט האָט מען גענומען אַ בלאַט[341] צונויפגעדרייט אַזוי ווי אַ טרובע[342] און גיין איבער דער גאַס צו אַ שכן וועלכער האָט געהאַט סירנעקלעך[343], און דאָרט אָנצינדן דעם פּאַפּיר, און צוריק מיט דעם ברענענדיקן פּאַפּיר לויפן גיך, עס זאָל זיך אויף דעם וועג ניט פאַרלעשן, און מיט דעם פייער אָנצינדן די פּליטא.

---

339) כירה.

340) שהי׳ מחסור בגפרורים.

341) דף מעיתון.

342) חצוצרה.

343) גפרורים.

אויף מאָרגן, האָט דאָס אייגענע דער שכן געטאָן, און איז געקומען צו אונז מיט אַ בלאַט. דאָס איז אַ קלייניקייט, נאָר איך שילדער די באַדינגונגען וואָס מען האָט געלעבט —

דאָס האָט געטאָן דער הירשע[98] ווען ער פלעגט ברענגען דעם טעפּל, און דערנאָך זיך אַוועקזעצן לעבן אים געבן דאָס עסן, ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ מין ליבשאַפט! דער מאַן האָט געזען וואָס פאַר אַ נחת רוח ער שאַפט־צו הירשע׳ן מיט יעדער לעפל וואָס ער נעמט, האָט ער צוליב דעם געגעסן, אָבער עס איז אים שוין געווען זייער שווער.

„איזהו עשיר שיש בית הכסא סמוך לשלחנו"[344], זיינען מיר קיין עשירים ניט געווען איז צוליב דעם האָט מען געמוזט גיין גאַנץ ווייט אין הויף. איך האָב דאָס איינגעאָרדנט אין דעם צווייטן צימער.

ער פלעגט מיר זאָגן, אַז ס׳איז שווער צו זען וואָס איך דאַרף נוצן אַזוי פיל כחות, עס איז ניט געווען קיין אַנדערער ווער עס זאָל מיר פאַרבייטן.

* * *

## איך וויל מחבר זיין דעם גוף מיט דער נשמה

ווען ער איז שוין געבליבן אין בעט און האָט ניט געקענט גיין אויף דער לופט, האָט דער פּראָפעסאָר געהייסן ער זאָל שלאָפן מיט אָפענע פענצטער, די לופט זאָל אַריין אין צימער.

כדי זיי זאָלן זיין אָפן אויך ביינאַכט האָט מען געמוזט צו מאַכן צו די פענצטער אייזערנע גראַדעס[345], פּשוט איבער גנבים.

אַ שטיק אייזן און אַ בעל־מלאכה וואָס זאָל דאָס מאַכן, איז געווען אויסגעשלאָסן. דאָס האָט געקענט זיין נאָר ביי אָנגעשטעלטע פון דער מלוכה, אָבער ניט אויף אַ פּריוואַטן אופן.

344) שבת כה, ב.

345) סורגים.

פאַרנאַכט האָט מען געהייסן מאַכן, און אויף מאָרגן צען אַזייגער אינדערפרי איז דאָס שוין געווען אַלץ פאַרטיק.

דער עלטערער מאַסטער פון אַ וואָיענעם[329] פאַבריק, אַ איד, האָט גענומען ביים דירעקטאָר די אייזן, און געקומען אַליין צו פאָרן מיט דעם, און געבראַכט אַן אַרבעטער, און האָט דאָס גלייך אַוועקגעשטעלט.

די גוים פלעגן דורכגיין און זיך אָפּשטעלן מיט שאלות: פון וואַנען? און פון וואָס? און יעדערן האָט מען געדאַרפט געבן אַ תירוץ.

דאָס האָט דורכגעפירט אַ חאַרקאָווער איד, ער איז געוואָרן אַזוי איבערגעגעבן אַז ער האָט דערנאָך גענעכטיקט ביי אונז עטליכע נעכט, און אים געהאָלפן. איך האָב געהערט ווי ער האָט מיט האַרץ געבעטן: רבי, איר דאַרפט ניט די וויטאָקן, בעסער זאָל איך זיי האָבן פאַר אייך.

די וואָס זיינען געווען אָפט ביי אונז, האָבן געזען אַז איך קען שוין ניט אַליין אַלץ טאָן. האָבן זיי געדונגען אויף ביי טאָג, פון די עוואַקואירטע אַ דזשאַסקער[346] שוחט[347], זאָל זיין מיט מיר, און העלפן צו אים אייניקע זאַכן, און ביינאַכט האָבן זיך געביטן צו צוויי יונגערע מענטשן, אַ סטודענט און אַ ישיבה בחור פון די באַקאָנטע.

עפּעס אַמאָל, האָט ער מיר ביינאַכט, שטייענדיק ביים פענצטער געזאָגט: איך אָטעם מיט דער לופט דורך די גראַדעס, איך וויל מחבר זיין דעם גוף מיט דער נשמה.

* * *

## די הסתלקות

ער האָט געוויינליך אַלע טאָג געדאַוונט אין בעט. די תפילין האָט מען אים אָנגעטאָן. די קאָפּ איז געוואָרן דאַרער, און די רצועות פון דעם של־ראש האָבן זיך ניט געהאַלטן, האָט ער מיר געהייסן שיקן נאָך

---

346) עיר במחוז סמולנסק ברוסיה, כיום נקראת גאַגאַרין.

347) הכוונה כנראה להרה״ח ר׳ יעקב יוסף רסקין (הנזכר לקמן), שהיה שוחט, ומוצאו מעיר זו.

יעקב־יוסף׳ן[348], ער זאָל קומען איבערמאַכן דעם קשר. דאָס איז שוין געווען דריי טעג פאַר די הסתלקות. ער איז געקומען און האָט דאָס איבערגעמאַכט, און ער האָט נאָך געדאַוונט אין זיי די דריי טעג.

דעם לעצטן אינדערפרי[349] האָט ער ניט אויפגעהערט צו זאָגן. מען האָט געזען אַז ער מאַכט מיט די ליפּן, נאָר די תפילין, האָט מען אים שוין ניט אָנגעטאָן.

ער האָט שרעקליך געליטן. עטליכע מאָל אַ טאָג האָט ער מיר געבעטן איך זאָל אים איבערלייגן, אַוועקזעצן. איך האָב דאָס געטאָן, עס איז מיר גאָרניט געווען שווער. אין אַזאַ צייט ווייזן זיך עפּעס אַרויס כחות נעלמים.

פאַרנאַכט, איז אים געוואָרן זייער ניט גוט. עס זיינען געווען היפּש מענטשן אין שטוב. מען האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר, ער האָט צוגעשריבן עטליכע רפואות, וועלכע מען האָט געוויינליך גלייך געבראַכט.

איך האָב געזען אַז עס איז שוין ניט גוט, נאָר איך האָב געמיינט אַז עס וועט נאָך נעמען אַ טאָג אָדער מער, האָב איך אים געגעבן אַ פּאָר לעפל אין מויל, און ער האָט דאָס אויסגעטרונקען, ער האָט ווייזט אויס פאַרשטאַנען וואו עס האַלט.

לעבן אים איז געווען נאָענטע גוטע פריינט, וואָס איך האָב זיך אויף זיי געקענט פאַרלאָזן. האָב איך זיך צוגעלייגט אַ ביסל, איך זאָל האָבן כח אים שפּעטער טאָן וואָס מען דאַרף. אין אַ האַלבע שעה אַרום אַז איך בין אויפגעשטאַנען, איז שוין געווען אַ פולער צימער מיט מענטשן. איינער אַ יונגערמאַן, האָט מיר פאָרגעלייגט אפשר וויל איך גיין נעכטיקן צו דעם שכן, זיך אָפּרוען. — עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען, און ער האָט דאָס געוואָלט פון מיר מעלים זיין. געוויינליך האָב איך דאָס ניט געטאָן.

348) הרה״ח ר׳ יעקב יוסף בהרה״ח ר׳ חיים בן ציון ראַסקין. י״ז ניסן תרס״א — כ״א ניסן (שש״פ), תשמ״ו. ראה „תולדות לוי יצחק״ ח״ב ע׳ 689 ואילך; ח״ג ע׳ 750 ואילך.

349) יום ד׳ כ״ף מנחם־אב תש״ד.

מען האָט מיר געפרעגט אין וואָס האָט ער זיך אינטערעסירט מען זאָל טאָן בעת קבורה, האָב איך געזאָגט וואָס איך האָב געדיינקט, אַז די תכריכים זאָלן זיין פון ריינע וועבעל[350] — דאָס איז דאָרט געווען איינע פון די שווערסטע זאַכן צו באַקומען, און אַז צו די טהרה זאָלן אַלע גיין אין וואַסער. קיין מקוה איז דאָך דאָרט ניט געווען, איז מען אַלע געגאַנגען, אַ פּאָר מנינים, גאַנץ ווייט אין אַ „טייכל". יוסף נימויטין[351], האָט געהאַט ביי 40 היץ טעמפּעראַטור, און איבעראַל אַ קראַנקער, און איז אויך געגאַנגען.

דריי טעג נאָכאַנאַנד האָבן זיי אַלע ניט געאַרבעט. מערסטנס איז פון זיי געווען טריקאָטאַזשניקעס[352] וואָס זיי האָבן געאַרבעט פאַר דער מלוכה, וועלכע האָבן געמוזט צושטעלן די נאָרמע אַרבעט. האָבן זיי דאָס אויך ניט געטאָן.

די לעצטע צוויי טעג פון זיין לעבן, האָבן אָט־אָ־די פרעמדע מענטשן, וואָס מען האָט די עטליכע חדשים זיך באַקענט, אינגאַנצן פאַרלאָזט זייערע הייזער מיט די אַרבעט, און זיינען געווען ביי אונז. איינער פון דער פאַמיליע פלעגט צוגיין אַ היים, אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך.

צווישן די וואָס זיינען געקומען איז געווען יונגע, אַלטע, פרייע, פרומע. עס זיינען געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס זיינען געווען זייער צוקריגט אין געשעפט איבער ביזנעס, דערנאָך איבער דער מחלוקת פון חסידים מיט די עולמ'ישע — דאָ האָבן זיי זיך אַלע פאַראייניקט. אונטער זיין ווירקונג, האָבן זיי זיך אויסגעטאָן פון די וואָכעדיקע ענינים און זיינען אַריין אין אַ העכערע וועלט.

* * *

350) פשתן.

351) החסיד ר' חיים יוסף דוד בהרה"ח הרה"ג ר' שמואל נעמאָיטין. זכה לשמש את כ"ק הרלוי"צ והרבנית חנה, עסק בהצלת נפשות ובנה וניהל מקוה בביתו באַלמאַ־אַטאַ במסירות נפש. נפטר ליל ש"ק י"ד אלול תנש"א.

352) עובדים בבתי חרושת לאריגה וסריגה.

## קריגן ברעטער אויף צו מאַכן דעם ארון

ער איז נפטר געוואָרן ביינאַכט[353]. אינדערפרי, זיינען זיי, עטליכע מענטשן, פון ביידע צדדים, אַוועקגעפאָרן אויף דעם „פעלד" אויף אויסקלייבן אַן אָרט. אַהין איז מען פון שטאָט אויך געקומען עטליכע גבאים פון שולן, און מעדאַליע'ס אַ זון[354] וואָס איז דאָרט געווען אַ רעקטאָר[355] אין אַ אינסטיטוט, און מען האָט אָפּגעקויפט זעקס ערטער, כדי מען זאָל ניט מקבר זיין לעבן אים אַזאַ וואָס איז ניט לפי כבודו פאַר אַ שכן.

דאָ אין צימער האָט מען געטאָן אַלץ וואָס מען דאַרף. עטליכע מענטשן האָבן גענעכטיקט, איך בין געווען אין דעם צימער וואו ער איז געלעגן אויף דעם בריק.

אינדערפרי, איז געווען נאָך אַ גרויסער פּראָבלעם, אויף האָבן ברעטער אויף צו מאַכן דעם ארון. דאָס איז אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע, אָבער פאַר גרויסע געלט, האָט מען דאָס באַקומען, און שוין דאָרטן דאָס צונויפגעשלאָגן, און געפירט איבער דער גאַס אַ גאַנץ גרויסער שטרעקע, און אַלע דורכגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן.

עס זאָלן ניט זיין קיין סך שאלות און עס זאָל ניט שאַטן קיין עין הרע, האָט דער יונגערמאַן, וואָס האָט דאָס געפירט אויף דעם וואָגן, זיך אָנגעטאָן אין מיליטערישע קליידער [ער האָט אַמאָל געאַרבעט אין נ.ק.וו.ד. איז ביי אים פאַרבליבן אַזאַ קאָסטיום, און ווען מען האָט געדאַרפט עפּעס באַקומען ניט גאָר כשר, איז אין דעם קאָסטיום געווען לייכטער דאָס דורכפירן].

* * *

353) ההסתלקות היתה איזה זמן לפני השקיעה ביום ד' כ"ף מנחם־אב תש"ד.

354) אולי הכוונה לר' אברהם (ראה אודותו „יהדות הדממה" (ירושלים, תשמ"ז) ח"ב ע' 274) בנו של הרב שמרי' יהודה לייב מעדאַליע הי"ד הרב דוויטעבסק ומאָסקווא (ראה אודותו „שילה" (ירושלים־אַנטוורפן, תשמ"ג) ע' יג ואילך).

355) מנהל ראשי.

## פרשה ושמה מרק עוף

בשלב זה כבר לא היה ביכולתו של בעלי לאכול את כל סוגי המזון.

בעלי רצה בכל מאודו להבריא ממחלתו. אילו היה מבריא — היה יכול לחיות לפי רוחו. מלבד זאת, הוא ראה שאנשים רבים רוצים בהחלמתו, ואומרים שנוכחותו חיונית להם ושהם נזקקים להשפעתו. בשל כל סיבות אלו אילץ בעלי את עצמו לעשות כל פעולה שהיתה עשויה לסייע לרפואתו.

הרופא הורה לבעלי לאכול מרק עוף. שם היתה זו בעיה של ממש: קניית העוף, הבאתו אל השוחט, ולאחר־מכן הבישול — כל אחד מאלו היה מלאכה שלמה.

ה. רבינוב[48] עשה בעצמו את כל הדרוש, והביא אלינו את העוף כשהוא מוכן. כדי ללכת מביתו אל ביתנו היה צורך לעבור גשר ולעלות במעלה הר, אך הוא לא החסיר יום אחד מלבוא אל ביתנו פעמיים ולפעמים שלוש, כשהוא עוזב את ביתנו בשעה אחת־שתיים אחר חצות הלילה.

לאחר שהיה מביא את העוף — היה צורך לחמם אותו, ולעתים קרובות לא היו ברשותנו גפרורים כדי להעלות באמצעותם אש בכירה שעמדה בחצר הבית.

— בעיה זו של מחסור בגפרורים לא היתה רק אצלנו. במקרה כזה היו לוקחים דף עיתון, מגולגל בצורת חצוצרה, חוצים את הרחוב לבית מי מהשכנים שהיו ברשותו גפרורים, מדליקים שם את הנייר, רצים בחזרה עם הנייר הבוער במהירות רבה כדי שלא יכבה בדרך, ובאמצעות אש זו מעלים אש בכירה. למחרת עשה כך השכן עצמו, והגיע אלינו לאותה מטרה כשבידו דף עיתון. זהו עניין קל־ערך, אך כוונתי היא לתאר את התנאים שבהם חיינו שם. —

גם זאת עשה אותו הירשע, כשהיה מביא את הסיר ובו העוף. לאחר־מכן היה מתיישב ליד בעלי כדי להאכילו את המרק. הוא עשה זאת באהבה כה גדולה! בעלי ראה כמה נחת־רוח גורם הוא להירשע עם כל כף שהוא אוכל, ולכן אכל את המרק, אבל הדבר היה כבר קשה לו מאוד.

״איזה עשיר — כל שיש לו בית־הכסא סמוך לשולחנו״[172]. מבחינה זו לא היינו עשירים, ולצורך כך מוכרחים היינו ללכת למקום מרוחק למדי בחצר הבית. התקנתי אפוא מתקן מתאים למטרה זו בחדר השני.

בעלי נהג לומר לי שקשה לו לראות את הכוחות הרבים שעלי להשקיע בטיפול בו, אבל אדם אחר שימלא את מקומי — לא היה.

## התקנת סורגים בן־לילה

בשלב שבעלי היה כבר רתוק למיטתו, ולא היה עוד ביכולתו עוד לצאת לשאוף אוויר — הורה הפרופסור שיישן כשחלונות הבית פתוחים, כדי שאוויר צח ייכנס אל החדר.

כדי שניתן יהיה להשאיר את החלונות פתוחים גם בלילה — מן ההכרח היה להתקין בהם סורגי ברזל, פשוט נגד גנבים.

להשיג עשת ברזל ובעל מלאכה שיתקין ממנה סורגים — היה מן הנמנעות. דברים כאלה ניתן היה להשיג רק עבור פקידי ממשל, אבל לא באופן פרטי.

למעשה, ההוראה להתקין את הסורגים התקבלה לפנות ערב, ולמחרת בשעה עשר בבוקר נשלמה כבר המלאכה! מפקח בכיר במפעל צבאי, יהודי, השיג את הברזל ממנהל המפעל, נסע לביתנו בעצמו עם הברזל, כשהוא מביא אתו פועל, והתקין מיד את הסורגים.

הגויים העוברים ברחוב היו נעצרים ושואלים שאלות: מניין השיגו את הסורגים? ממה עשו אותם? ולכל אחד מהם היה צורך לספק תירוץ כלשהו.

כל זאת הביא לידי פועל יהודי מחרקוב. הוא היה כה מסור, עד שלאחר־מכן לן בביתנו מספר לילות וסייע לבעלי. באוזניי שמעתיו מביע בקשה מעומק לבו: ״רבי, אתם אינכם זקוקים לייסורים אלה, מוטב שאסבול אותם אני ולא אתם!״...

אלו שביקרו בביתנו לעתים קרובות ראו שאין באפשרותי עוד לעשות בעצמי את כל הנדרש. הם שכרו אפוא שוחט[173] מהעיר גז׳אטסק[174] שישהה עמי במשך היום ויסייע לבעלי בדברים מסויימים, ואילו בלילות

---

172) שבת כה, ב.

173) הכוונה כנראה להרה״ח ר׳ יעקב יוסף רסקין (הנזכר לקמן), שהיה שוחט, ומוצאו מעיר זו.

174) עיר במחוז סמולנסק ברוסיה, כיום נקראת גאגארין.

התחלפו בתפקיד זה שני אנשים צעירים יותר — סטודנט ובחור ישיבה ממכרינו.

לילה אחד, כשעמדתי סמוך לחלון, אמר לי בעלי: "אני נושם אוויר דרך הסורגים, ובכך רצוני לחבר את הגוף עם הנשמה"...

## ההסתלקות

בדרך־כלל התפלל בעלי מדי יום במיטתו. את התפילין הניחו לו אחרים.

מאחר שראשו נעשה צנום יותר, לא נאחזו בו כראוי רצועות התפילין של ראש. הוא הורה לי אפוא לשלוח אחרי יעקב־יוסף[175] כדי שיבוא לשנות את מידת הקשר. היה זה כבר שלושה ימים לפני ההסתלקות. יעקב־יוסף אכן הגיע ושינה את קשר התפילין, ובעלי הספיק להתפלל בהן בשלושת הימים הבאים.

בבוקר האחרון לחייו[176] לא פסק פיו מלמלמל, ושפתותיו נראו מרחשות כל העת. אך את התפילין לא הניחו לו עוד.

באותו יום סבל בעלי נוראות. מספר פעמים במשך היום ביקש ממני שאשנה את תנוחת גופו לשכיבה או לישיבה. עשיתי זאת והדבר לא קשה עלי כלל. בזמן שכזה מתגלים, מסתבר, כוחות נעלמים.

לפנות־ערב חש בעלי ברע מאוד. בביתנו נכח אז קהל ניכר. הרופא הובהל אל בעלי, והוא רשם מספר תרופות שכמובן הובאו מיד.

כשלעצמי הבחנתי כבר בכך שהמצב אינו טוב, אבל סברתי שהוא עלול להימשך כך עוד יום או יותר, ולכן יצקתי לפיו של בעלי כפיות אחדות מן התרופה, והוא שתה אותן עד תום. ככל הנראה הוא הבין היטב את מצבו.

לידו עמדו כמה מידידינו הטובים והקרובים, שיכולתי לסמוך עליהם. פניתי אפוא לשכב מעט, כדי שיהיה לי כוח לעשות עבורו מאוחר יותר את כל הנדרש.

כשהתעוררתי, כעבור כמחצית השעה, החדר כבר היה מלא מפה לפה. אחד הצעירים שהיו שם הציע לי ללכת ללון בביתו של השכן כדי

---

175) הרה"ח ר' יעקב יוסף ב"ר חיים בן־ציון רסקין (ט"ז ניסן תרס"א — כ"א ניסן תשמ"ה). ראה "תולדות לוי יצחק" ח"ב ע' 689 ואילך; ח"ג ע' 750 ואילך.

176) יום ד' כ' מנחם־אב תש"ד.

שאוכל להחליף כוח. היה זה כבר "אחרי הכל", והוא ביקש להעלים זאת ממני. מובן שלא נעניתי לעצתו.

## הכנות להלווייה

נשאלתי אילו דברים היה בעלי מעוניין שיעשו בעת הקבורה. אמרתי מה שזכרתי — שהתכריכים יהיו עשויים מפשתן נקי (שהיה אחד הדברים הקשים ביותר להשגה שם), ושכל העוסקים בטהרתו ילכו תחילה לטבול.

מקוה — הרי לא היה שם, וכולם — כמה מניינים — הלכו מרחק ניכר כדי לטבול בנחל. יוסף נימויטין[177] סבל מחום בן ארבעים מעלות, ובכלל היה אדם חולני, ולמרות זאת הלך לטבול גם הוא.

כל האנשים הללו לא עבדו במשך שלושה ימים רצופים. ברובם היו אלה עובדי סריגה[178] שעבדו עבור מפעלים ממשלתיים, והיו חייבים לספק את המכסה היומית, אך בימים אלה הם לא עשו גם זאת.

בשני ימי חייו האחרונים של בעלי נטשו לחלוטין אנשים זרים אלה — שההיכרות ביניהם ובין בעלי נמשכה חודשים אחדים בלבד — את בתיהם ואת עבודתם, ושהו כל העת בביתנו. מפעם לפעם היה אחד מבני כל משפחה הולך הביתה כדי להעיף מבט בנעשה שם.

על האנשים שהגיעו לביתנו נמנו צעירים, מבוגרים, שומרי מצוות ושאינם כאלה. היו ביניהם אנשים שהיו מסוכסכים קשות זה עם זה בענייני עסקים, ואחרים שהיו מסוכסכים בשל המחלוקת בין החסידים לאלו שאינם חסידים, אך כאן התאחדו כולם. תחת השפעתו של בעלי פשטו הכל מעליהם את ענייני החול, ונכנסו אל עולם נעלה יותר.

בעלי נפטר בשעת לילה[179]. בבוקר נסעו מספר אנשים, משני הצדדים בהנהגת הקהילה, אל בית העלמין כדי לבחור מקום לקבורתו. גם מהעיר עצמה הגיעו לשם כמה מגבאי בתי־הכנסת, וכן בנו[180] של

---

177) החסיד ר׳ חיים יוסף דוד בהרה"ח הרה"ג ר׳ שמואל נימויטין. זכה לשמש את רלוי"צ ואת הרבנית חנה, עסק בהצלת נפשות ובנה מקוה בביתו באלמא־אטא במסירות־נפש. נפטר ליל ש"ק י"ד אלול תנש"א.

178) עבודה שניתן היה לעשות בבית, דבר שהקל על שמירת השבת.

179) ההסתלקות היתה זמן־מה לפני השקיעה.

180) אולי הכוונה לר׳ אברהם (ראה אודותו "יהדות הדממה" (ירושלים, תשמ"ז) ח"ב ע׳ 274) בנו של הרב שמריי׳ יהודה לייב מעדאַליע הי"ד הרב דוויטעבסק ומאָסקווא (ראה אודותו "שילה" (ירושלים־אַנטוורפן, תשמ"ג) ע׳ יג ואילך).

מדליה[181], שכיהן שם כרקטור במכון אקדמי. נרכשו עבור בעלי שישה מקומות, כדי שלא ייקבר לידו אדם שאין זה לפי כבודו להיקבר בשכנות אליו.

כאן, בחדרו, בוצעו כל הפעולות הנדרשות. מספר אנשים לנו בביתנו בלילה. אני עצמי לנתי בחדר שבו היה בעלי מונח על הרצפה.

בבוקר התעוררה בעיה גדולה נוספת — השגת קרשים כדי לבנות את הארון. היתה זו משימה קשה למדי, אבל תמורת סכום כסף גדול הושגו גם אלו. הארון הורכב במקום שבו היו הקרשים, והובל מרחק גדול למדי לאורך הרחוב, כשכל העוברים ושבים עוצרים להביט בנעשה. כדי שלא יתעוררו שאלות רבות מדי, וכדי שלא תזיק "עין הרע" — לבש הצעיר, שהוביל את הארון בעגלה, מדי צבא.

[האיש עבד בעבר בנ.ק.וו.ד., ונשארה ברשותו חליפת מדים, וכל אימת שהיה צורך להשיג משהו שאינו "כשר" בתכלית — היה הצעיר יכול להשיג זאת ביתר קלות כשהוא לבוש במדים אלו].

181) הרב שמריה יהודה ליב מדליה הי"ד, אב"ד ויטבסק ומוסקבה (ראה אודותיו: "שילה", ירושלים־אנטוורפן תשמ"ג, ע' יג ואילך).

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב